אמות" פון דעם רבי'ן פון דעם נשיא, אזוי במחיצתו בחיים חייתו בעלמא דין,

וואס אט דעמולט וועט זיין גוט אים ולבני ביתו, סיי ברוחניות סיי בגשמיות, גאר כפשוטו, דא למטה מעשרה טפחים.

וכאמור לעיל, דער ענין פון שמחת ביה"ש איז דאך, אז אלע ענינים, אפילו אכילה ושתי', זאלן זיך טאן דוקא בשמחה ובשמחה גדולה, עאכו"כ ענינים וואס זיי זיינען גשמיים בחיצוניותם, און רוחניות בפנימיותם - זאל מען זיי טאן מתוך שמחה אמיתית, שמחת נה"א, און אין אן אופן אז עס וועט זיין אויך שמחת נה"ב און שמחת הגוף, דערפאר וואס עס וועט גארניט פעלן בכל הענינים,

און מ'וועט אויפטאן כהנה וכהנה, ביז אין אן אופן פון "ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה", צוזאמען מיטן רבי'ן, וואס ער איז דער משלח, מיטן רבי'ן דעם נשיא, וועלן גיין אלע שלוחים בראש, און נאך זיי וועלן זיך נאכשלעפן אט די פון דער שיטה פון "שב ואל תעשה",

בקרוב ממש, לקבל פני משיח צקנו. לחיים, לחיים.

אח"כ אמר: איך האב דאך געזעדט (?), אז צעירי אגודת חב"ד האט דעם "כי אנו עמך" דאכט זיך?

ניגנו "כי אנו עמך כו'".

כ"ק אדמו"ר שליט"א אמר למישהו: נחת חסידותי.

למישהו: ער זאל אויסטרינקען, יא! און עס זאל זיין אויף וואס!... גאר אינגיכן, בעגלא דידן.

אח"כ שאל למישהו: אלץ מסודר? ניין? (והקהל, ברצונו להאזין, הפסיק לשיר, ורמז כ"ק אד"ש שימשיכו).

* * *

ס. מ'האט דאך געזעדט שבת, אז ס'איז דא א שיחה פון דעם רבי'ן פון שווער, בנוגע צו אן ענין פון מרגליות און בנוגע צו ענין פון גחלים.

וואס ער האט דעמולט מבאר געווען, אז מרגליות געפינען זיך אויפן דעק פון ים, און אזוי אויך גחלים (קוילן) געפינען זיך במעבה האדמה,

און דער סדר איז, אז מ'דארף זיך אראפלאזן אין ים, און אזוי אויך אין מעבה האדמה, און פון דארטן ארויסקריגן די גחלים, וואס זיי ווארעמען און זיי מאכן ליכטיק, און אזוי אויך - ארויסקריגן די מרגליות פון דעק פון ים.

און האט דעמולט מסביר געווען, אז די ארבעטער האבן אן אנפירער, וואס ער מאכט דעם גאנצן סדר און תכנית, ווי אזוי מ'זאל גראבן במעבה האדמה, און ווי אזוי מ'זאל זיך אראפלאזן, און עד"ז אויך - ווי אזוי מ'זאל זיך אראפלאזן אין ים, אויף ארויסקריגן די מרגליות,

און אויף דעם אנפירער קען מען זיך פארלאזן - אזוי האט דער רבי דעמולט געזאגט אין דער שיחה. נאר וואס דען? - מ'דארף, אז די ארבעטער, די וואס לאזן זיך אראפ צוליב ארויסקריגן די גחלים מיט די מרגליות, זאלן אלץ אויספירן פונקטליך ווי דער אנפירער האט זיי אנגעוויזן.

דערנאך האט ער מוסיף און מסיים געווען, אז דאס איז בהנוגע צו דער עבודה; מ'דארף אבער האבן, זייענדיק במעבה האדמה ובתוך הים - דארף מען אבער האבן דעם רוח חיים,

וואס דאס קומט דורך דערויף וואס ער פארבינדט זיך מיטן אויר וואס

ער געפינט זיך          על פני הים ועל פני האדמה - דורך פארשידענע אופנים, אבער אין דערויף קען ער זיך ניט פארלאזן אט דאס וואס דער אנפירער האט רוח חיים; יעדער ארבעטער אליין דארף שטיין אין א פאר-בינדונג מיט דעם רוח חיים שעל פני האדמה ושע"פ הים.

און האט מסיים געווען און מבאר געווען, אז מבאר זיין דעם נמשל - פארשטייט דאך יעדערער, אז חסידות איז דער ענין הגחלים, וואס דאס ווארעמט און          און דאס מאכט ליכטיק.

עד כאן די שיחת הרב.

וואס לכאורה פעלט דאך דא דער גאנצער ביאור אויפן ענין המרגלית. וואס דער ענין וואס מ'זאגט אז מ'דארף האבן דעם קישור מיט רוח חיים - איז דאס, ווי עס האט זיך גערעדט שבת, און ווי דער רבי האט דעמולט מרמז געווען, אז דער נמשל איז מובן, איז דאס איז פארשטאנדיק,

אז ניט ווי די שיטה איז, פון "צדיק באמונתו יחי'", אז ס'איז גענוג אז ער זאל האבן אמונה, און אלע איבעריקע ענינים איז דער צדיק הדור וועט אים מחי' זיין -

נאר מ'דארף אליין הארעווען אין לימוד החסידות, און דער לימוד דארף זיין א לימוד המביא לידי מעשה בכל הענינים וואס חסידות פאדערט אויף אין דעם "בכן" בהנוגע למחשבה דיבור ומעשה בחייו היום-יומיים;

וואס איז דא אבער דער ענין פון גחלים און מרגליות און דער ענין פון אדמה און ים?

וואס בכללות איז דאך דער חילוק פון אדמה און ים, און ווי מבואר בכמה מקומות, אז אדמה איז דאס דער ענין פון עלמא דאתגליא, און ים איז דאס דער ענין פון עלמא דאתכסיא.

וואס דערפאר איז דאך דער חילוק, אז דגים          מיד שפורשים מן המים מיד הם מתים; זיי פילן וואס זייער חיות איז, משא"כ אין עלמא דאתגליא קען דאך זיין א נבדל, ביז וואנענט אז עס קען זיין אויך א נפרד, ביז וואנענט עס קען זיין איינער וואס ער שרייט "אני ואפסי עוד",

וואס דערפאר איז דאך די נבראים שעל האדמה ושבאדמה, איז זייער זיי נפרד ממקום חיותם: ס'איז דאך "הכל הי' מן העפר", און אעפ"כ איז ער געפינט זיך, ער איז שט במים און פורח באויר און גייט ארום על פני האדמה - ניט באדמה, ביז וואנענט אים קען זיך גאר אויסווייזן, אז ער האט קיין שייכות ניט צו דעם "הכל הי' מן העפר",

משא"כ בנוגע צו "עלמא דאתכסיא", וואס דער משל אויף דערויף איז ים - איז ווייסן די דגים, אז "מיד שפורשים          מן המים מיד הם מתים".

דער חילוק פון גחלים און מרגליות איז, איז ווי דער רבי האט מבאר געווען אין דער שיחה דער ענין פון גחלים, אז דאס איז אן ענין וואס ווארעמט און מאכט ליכטיק,

וואס אט דאס באשטייט דאך דער גאנצער ענין החיים, איז חיים איז דאך פארבונדן מיט חום, וואס דאס איז היפך הקרירות; קרירות איז דאך דער ענין פון מיתה, ר"ל; דער סימן פון חיים איז - איז דאס דער ענין פון חום, פון ווארעמקייט,

וכידוע די אריכות הביאור ווי חסידות איז מבאר בכמה מקומות, אז ערגער פון אלץ איז - בשעת ס'איז דא דער ענין הקרירות.

און ער איז נאך מוסיף, אז גחלים האבן צוויי זאכן: ניט נאר עס ווארעמט, נאר עס מאכט נאך ליכטיק אויך:

עס קען דאך זיין א לעבעדיקע זאך, און ע"ד פון חיי הבהמה, אז ער

טוט אלץ ענינים וואס בטבע איז דאס ביי אים,

וואס דאס איז דאך דער ענין ווי ער איז מחלק אין תניא פון עובד אלקים לאשר לא עבדו, אז "אשר לא עבדו", קען אויך זיין אזא וואס ער איז מקיים כל התורה כולה, נאר וואס דעך, פארוואס ווערט ער אנגערופן "אשר לא עבדו" - דערפאר וואס ביי אים איז "הרגל נעשה טבע שני", במילא ביי אים איז שוין געווארן א טבע, און מער ווי טבע, מער ווי זיין הרגל, טוט ער ניט אין תורה ומצות - איז האט ער די אלע "ש"י עולמות" און עוה"ב, און אעפ"כ ווערט ער אנגערופן "אשר לא עבדו", און ניט דאס איז דער תכלית העבודה, תכלית שלימות האדם.

וואס אט דאס איז: עס קען זיין אן ענין אז ווארעמקייט האט ער, ואדרבא - א בהמה האט דאך מערער ווארעמקייט און מערער כח ווי א בן אדם; דאס פעלט אבער דער ענין פון ראיית עין השכל,

וכאמור לעיל, דער ענין אז ראי' איז דאס ראיית עין השכל, און דער עין איז דאס איז חיצוניות החכמה - און עס פעלט די ליכטיקייט, דער "החכם עיניו בראשו",

אט דאס וואס א חכם הייסט, וואס ביי אים איז "ליכטיק", ער ווייס וואס עס טוט זיך ארום אים, וואס ער דארף טאן און וואס ער דארף ניט טאן, במילא איז ער שטייט אין דעם אופן און מעמד ומצב פון "עובד אלקים"; ער טוט למעלה מטבע, דער "פעם המאה ואחת", וואס די איז שקול כנגד המאה פעמים, און נאכמערער, ווי ער איז מבאר בארוכה אין תניא אין דעם ענין.

וואס אט דאס איז, בכללות, די שני ענינים וואס ס'איז דא אין גחלים: דער ערשטער ענין, אז דאס מאכט א מציאות אז עס זאל זיין א לעבעדיקע זאך,

עס קען אבער זיין די עבודה מדודה ומוגבלת לפי כחות נפשו, וואס סוכ"ס איז דאך דאס אויך א טבע, ווארום העכער פון זיינע כלים גייט ער ניט ארו'ס איז דאך דאס אלץ טבע, ניט א טבע פון א בהמה אבער א טבע פון אן אדם,

און ניט דאס איז דער תכלית: דער תכלית איז, אז גחלים דארפן אויך מאכן ליכטיק, אז דאס וועט　　　　　　שטעלן אים בקרן אורה, אז ער זאל זיך פארבינדן מיט אן אופן העבודה וואס דאס איז אורות למעלה מכלים,

ביז וואנענט אז עס קומט ארויס דער ענין פון "אבוקה של אור", ווי מבואר בארוכה אין די מאמרים פון שמחת ביה"ש, וואס דעמולט איז "היו זורקין אבוקות של אור" - וואס דאס איז נאך מערער ווי "אור" סתם.

וואס　　　　　　די ענינים לאמיתתם ווערן דאך נתבאר אין תורת החסידות, ווי אזוי מ'קען זיין א לומד תורה און מקיים מצוות כל ימיו, און אעפ"כ אפילו ניט קיין בינוני אויך,　　　　　　און עאכו"כ - ניט העכער ווי א בינוני, וכאמור, אז דאס איז אין אן אופן העבודה פון "לא עבדו", ווארום ער האט זיך קיינמאל ניט אנגעשטרענגט אויף טאן היפך טבעו, ובטבע איז ער א מתמיד אדער ער איז געקומען דערצו אדער מתולדתו אדער לאחרי העבודה ביז וואנענט ס'איז געווארן ביי אים א "הרגל נעשה טבע".

און ווי חסידות איז ראס מסביר און מבאר, אז מ'דארף דאס אנ-ווארעמען און מ'דארף דאס ליכטיק מאכן, כדי עס זאל זיין די עבודה מתאים להציווי והרצון העליון, וואס דאס איז אן עבודה פון לשון "עיבוד עורות" - טאן היפך הטבע; די עבודה פון "בכל מאדך", וואס דעמולט ווערט מען אנ-גערופן אין גמרא "עושין רצונו של מקום", משא"כ אז ניט אזוי ווערט דאס אנגערופן "אין עושין רצונו של מקום" - כאטש ס'איז דא "בכל לבבכם ובכל נפשכם", וואס דאס איז דאך א גמרא אין נגלה דתורה, אין ברכות.

ווי אזוי קומט מען אבער צו דער עבודה בפועל, אז ער זאל זיך ניט באגנוגענען מיט זיין תורה ומצוות, וואס כל ימיו ממולאים בזה, און זאל <u>מאנען</u> בא זיך נאך אן עבודה פון "בכל מאדך"; וואס פעלט אים אן דערויף -

איז אויף דערויף זאגט מען, אז דאס דארף מען גראבן אין מעבה האדמה, ע"ד פון דער תורה פון בעש"ט אויף "כי תהיו אתם ארץ חפץ", אז יעדער איד איז אן "ארץ חפץ" אין וועלכע ס'איז באהאלטן אוצרות, און א יבול גדול ביותר, וואס כדי     אהינצו - דארף מען דאס גראבן, "כמטמונים תחפשינה", ווי ער איז מבאר אין תניא אויפ'ן ענין וואס דאס איז דער ענין פון "אוצר יראת שמים", צו וועלכן מ'קען צוקומען דוקא ע"י יגיעה.

וואס דאס איז בכללות הענין וואס מ'דארף גראבן במעבה האדמה.

און אזוי ווי דאס איז אן עבודה <u>חדשה</u>: אין שו"ע איז דאך דאס ניט אנגעוויזן, מערניט ווי אין <u>רמזים</u> -

איז אויף דערויף איז דא דער אנפירער, וואס דאס זיינען רבותינו נשיאינו, ביז נשיא דורינו וואס דאס איז דער רבי דער שווער, וואס האט אויסגעשטעלט די גאנצע תכנית מיט די גאנצע סדרי העבודה, ווי אזוי מ'זאל קענען ווערן דערוואדעמט און   זאל ווערן ליכטיק בא זיך און אין די ד' אמות און חלקו בעולם, ביז וואנענט אז עס ווערט אן עבודה כדבעי, "כמאן דבעי למיעבד" איז אזוי "עביד".

און אין דערויף איז מען מוסיף, אז אין דערויף איז ניט מספיק - ע"ד ווי איינער האט מיר געזאגט, אז ער וויל זיין א <u>גולם</u>, במילא האט ער ניט וואס צו טראכטן, און מ'זאל אים שרייבן יעדער פרט וואס ער האט צו טאן, פון אל"ף ביז ת"ו, און ווי מ'וועט אים שרייבן וועט ער דאס ממלא זיין, דערפאר וואס ער האלט בא מסירת הרצון, אבער <u>אליין</u> זיך אריינ- טראכטן אט דאס איז קיין ענין ניט -

איז אויף דערויף זאגט מען, אז עס מאנט זיך נאך אין דערויף, אז ביחד עם דער מסירת הרצון - זאל ער זיין א קומה שלימה, ניט חב"ד און ניט חג"ת און ניט נהי"מ, און ביז מיט א כח הרצון און כח התענוג - נאר דאס אלץ זאל זיין <u>איינגעשפאנט</u> אויף דורכפירן דעם רצון המשלח, וואס דאס איז דער רבי דער נשיא דער שווער.

וואס דאס ווערט דורך דערויף וואס אין פועל ממש האט מען טאקע א קביעות בכל יום אין לימוד החסידות און אין לימוד הנגלה,

און מ'איז ניט יוצא דערמיט פון די שיעורים פון חת"ת, וואס דאס איז שוין געווארן א "הרגל נעשה טבע", במילא איז אין דערויף ניטא דער ענין פון "<u>עובד</u> אלקים", דאס איז "אשר <u>לא</u> עבדו" - און אעפ"כ מוז ער היטן חת"ת,

נאר מ'מאנט טאקע אז ער זאל אין פועל ממש עפענען א קונטרס צי א מאמר צי א ספר, און זאל טאקע אליין לערנען און הארעווען, ביז וואנענט אז <u>ער</u> וועט דערפילן בא זיך אז ער האט <u>געהארעוועט</u> אויף פארשטיין אט דעם מאמר - כאטש אפילו ער קען אזויפיל און אזויפיל מאמרים, און קען זיי <u>בע"פ</u>, און איז זיי חוזר ברבים, און האט הנחות וכו' וכו',

און לולי זאת - פעלט דער קישור מיטן רוח חיים, במילא קען מען פארבלאנדזשען, און מ'ווייס ניט וואס דערפון וועט זיין דער סוף,

ווי דער רבי האט געזאגט     אין דער שיחה - דעם לשון "נופל".

און ס'איז קיין אנדער עצה דערצו ניטא, אז אין פועל ממש, אט דאס וואס ער האט געלערנט כל ימיו, איז אעפ"כ, אז עס קומט א נייער טאג, "חדשים לבקרים" - איז דער ציווי מחדש, נאך אמאל זיך זעצן לערנען, ניט

קוקנדיק וואס ער האט א רכוש עצום – אזויפיל און אזויפיל אין נגלה, אזויפיל און אזויפיל אין חסידות.

און דער עיקר איז, אז מ'זאל וויסן זיין, ווי דער רבי האט איבערגעגעבן פון דעם רבי'ן נ"ע, אז עס דארף זיין "טאפארו דא פלאחו": אז דאס מיינט מען טאקע אים אליין, ניט א זון און ניט אן איידעם און ניט אן אייניקל און ניט זיין בעה"ב'סטע – טאקע אים אליין.

און ניט אים אליין ווי ער איז געוועזן נעכטן און אייער-נעכטן, וואס דעמולט האט ער געלערנט און גע'חזר'ט און געפאסט און געקערט וועלטן – נאר דאס מיינט מען אים ווי ער איז היינט אויפגעשטאנען אינדערפרי, און ס'איז דאך געוועזן וואס מ'האט אים מחזיר געוועזן די נשמה "בחמלה רבה", איז דאך דאס א נייע נשמה, "חדשים לבקרים" – איז א נייער אופן מיט א נייער סדר און א נייער לערנען מיט א נייעם חשק – פונקט כמי שלא למד מימיו.

וואס אט דאס איז דער קישור מיטן רוח חיים, וואס דאס מוז מען אליין, ניטא אויף וועמען צו פארלאזן זיך, אפילו ניט פארלאזן זיך אויפן נעכטיקן "מענדל", אט דאס ווי ער איז געשטאנען אין זיין מעמד ומצב נעכטן, ווארום היינט איז דאס א נייער "מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית", מיט נאך אמאל "נותן התורה" מחדש, נתינת התורה מחדש, און נתינת המצוות מחדש, און "מה להלן באימה וביראה וברתת ובזיע" – אט איצטער גיט מען אים די תורה און ער דארף אנהויבן פון אנהויבס-אן די גאנצע עבודה, און דוקא אין אן אופן פון "עובד אלקים".

וואס אט דאס איז אלץ די עבודה המוכרחת, אז אי אפשר בלאן הכי; פונקט אזוי ווי חמימות און אור מוז יעדערער האבן, אן חמימות איז ניטא דער חיים, און אן אור –ווי גערעדט פריער איז דאך "סומא חשוב כמת", ר"ל.

דערנאך זאגט מען, אז ס'איז דא נאך אן ענין. – וואס אין דעם ביאור האט דער רבי' ניט מאריך געוועזן אין דער שיחה, דערפאר וואס דאס איז ניט אן ענין הכרחי, לכאורה – דאס איז פונקט אזוי ווי מרגליות:

גחלים מוז יעדערער האבן, כדי ווערן דערווארעמט און זאל זיין ליכטיק; דער ענין פון מרגליות איז לכאורה קען מען אפלעבען מאה ועשרים שנה, און ניט האבן מרגליות, און עס וועט אים ניט פעלן אין שלימות בכל הענינים,

אבער אעפ"כ, איז דאך מצד דעם ענין וואס "יגדיל הורה ויאדיר", וואס ס'איז דאך ווי די גמרא זאגט, אז בנוגע צו נגלה, להלכה למעשה, איז דאס קיין נפק"מ ניט, ווי די גמרא זאגט דאס אין חולין אנטקעגן "קשקשת" און "סנפיר", אז ס'איז גאר קיין נפק"מ ניט בנוגע למעשה בפועל, בנוגע להלכה, נאר וואס דען – ס'איז "יגדיל תורה ויאדיר", זאגט די תורה נאך אן ענין: ניט נאר איינעם פון די סימנים, נאר ביידע סימנים.

עד"ז איז דאך דאס גופא אריינגעשטעלט געווארן אין תורה, וואס דאס איז א הוראה, ע"ד ווי תשובה וואס איז גרעסער פון תורה, וואס זי איז ממלא א חסרון אין תורה, אעפ"כ, וואו שטייט זי – אויך אין תורה,

איז אט דאס וואס אין הורה איז דא דער "יגדיל תורה ויאדיר", אע"פ וואס דאס איז ניט קיין דבר הכרחי, ניט קיין הוראה מוכרחת – איז דער ענין המרגלית אויך אריינגעשטעלט אין תורה.

און אט דאס וואס מיט שנים מלפנים איז דאס ניט געוועזן קיין דבר הכרחי – איז דאס אלץ גערעדט געווארן, מ'קען אפלעבן הונדערט און 20 יאר און אויסקומען אן מרגליות –

בד"א, ווען ער געפינט זיך אין זיינע ד' אמות; בשעת אז מ'רופט

איס ארויס אויף א שמחה צו מלך מלכי המלכים הקב"ה, און מ'שטעלט איס אוועק לעבן דעם מלך, און ער וועט דעמולט זיין אנגעטאן אין לבושי עני, אדער אין לבושים בינונים, אדער אין לבושים פון אן עשיר, עס וועט אבער פעלן תכשיטים, אט די תכשיטים וואס פאדערן זיך בהיכל המלך, ובפרט נאך פון דעם וואס שטייט על יד ימינו של המלך - איז דאס דעמולט, ר"ל, א מרידה במלכות!

סטייטש - ווייי-געשריען - ער האט דאך אלע י"ח לבושים, ווי די גמרא רעכנט אויס אין שבת, און האט תכשיטים אויך, נאר מרגליות פעלט איס

ס'איז אבער אלץ בד"א, בשעת דו . ביסט געזעצן אין ערי השדה, ווי דער רבי זאגט אין לקו"ת, אז אלול איז דעמולט איז נמצאים בשדה, און דער מלך נמצא בשדה, און דעמולט איז כל אחד איז מקבל בסבר פנים יפות;

מ'איז דורכגעגאנגען אלול, און דורכגעגאנגען עשרת ימי תשובה, און אריינגעגאנגען אין "זמן שמחתינו", וואס ווי ער טייטשט אין לקו"ת "שמחתינו" - שניים, דער "ישמח הוי' במעשיו" און "ישמח ישראל בעושיו",

און ניט מ'שטעלט איס אוועק אין "חצר גינת המלך", נאר מ'נעמט איס אריין אין "ביתן המלך", אין חדר לפנים מחדר, ביז וואנענט מ'זאגט איס אז "אין לזרים אתך", דערפאר וואס "יהיו לך לבדך", ער מיטן מלך געפינען זיך איינער לעבן דעם צווייטן -

מוז ער דאך זיין אנגעטאן, אז עס זאל זיין עפעס-וואס מעין ווי עס דארף זיין אנגעטאן אזא וואס שטייט לעבן א מלך בחדר המלכות, ניט ווי דער מלך געפינט זיך בשדה,

און אט דעמולט מוז מען האבן כ"ד תכשיטין, און מרגליות אויך בכלל.

וואס אט דאס איז וואס ער איז מאריך אין דעם זהר וואס מ'זאגט צו שבועות אז צו מ"ת איז מען אלץ דארף מען האבן "אתקין תיקונוהי ואתקין תכשיטאי" - לכאורה: וואס איז עס וועט פעלן א תכשיט, אבער אלע לבושים איז דאך דא?

- דאס איז אבער אלץ בד"א - בשעת מ'האלט ניט "ביום חתונתו וביום שמחת לבו", וואס דאס גייט אויף שבועות און אויף יוהכ"פ און אויף בנין ביהמ"ק;

בשעת עס קומט צו א חתונה, און אט דעמולט דארף מען משמח זיין, און עס דארף זיין די כל העניינים - מוז די כלה זיין אנגעטאן מיט אלע תכשיטי כלה,

וואס דערפאר איז דאך "מפרנסין י"ב חודש", וואס די גמרא איז מאריך די גאנצע אריכות ווי אזויפיל מ'דארף מדייק זיין אויף "תקנת בנות ישראל" זיי זאלן האבן תכשיטים אויך.

וואס אט דאס איז דער עניין פון מרגליות.

און אט דאס איז אויך בכלל, דער עניין אויך אין חסידות, אז ס'איז געווען אמאל א זמן אז מ'איז אויסגעקומען מיט נגלה דתורה, און פנימיות התורה איז געווען אן עניין פאר יחידי סגולה, ווי דער רבי שרייבט אין אגה"ק, אז בזמן הש"ס איז געווען יחידים וואס האבן געלערנט קבלה,

דערנאך איז געקומען דער זמן האר"י, האט מען מגלה געווען מערער - אבער ס'איז אויך געווען אין אן אופן פון לימוד הקבלה, און אויך געווען געציילטע מענטשן,

דערנאך איז געקומען דער בעש"ט - האט זיך אנגעהויבן די התחלה פון "יפוצו מעינותיך חוצה": ניט "יפוצו מים חוצה" - דוקא די "מעינות",

וואס דער מעיין איז דאך דאס דער "מקור מים חיים", וואאס דאס איז דער אויבערשטער אליין, וואס וואו גיט ער זיך ארויס בגלוי - גיט ער זיך ארויס אין פנימיות התורה, כמבואר בארוכה אז אין נגלה דתורה קען זיין בקלות אז מ'פארגעסט, ר"ל, אויפן "נותן התורה"; בלימוד פנימיות התורה דארף מען מגרה זיין דעם יצה"ר, אבער לולי זאת - איז מעצמו פילט זיך אלקות.

וואס אויף דערויף זאגט מען, אז ס'איז געקומען די צייט פון "יפוצו מעינותיך חוצה" איז אט דעמולט ווערט טאג אין טאג נעענטער צו ביאת המשיח.

וואס וועט זיין ביאת המשיח? איז דאך ווי ער זאגט אין לקו"ת, אז איצטער איז דער מעמד ומצב פון "אירוסין"; וועט וועט זיין "נישואין" - לע"ל,

וואס איז דער עניין פון נישואין? - אז מ'נעמט דעם חתן מיט דער כלה, מ'שטעלט אוועק איינער לעבן דעם צווייטן, אונטער דער חופה, און מ'זאגט, אז ניט דאס שטייט בריחוק מקום - דוקא בקירוב מקום, און נאכ-מערער - דאס איז אין אן אופן פון "נקבה תסובב גבר",

וואס דערפאר איז דאך דאס פון די ענינים וואס אין זמן הגלות איז נתגלה געווארן ווי עס וועט זיין לע"ל, וואס דערפאר איז דאך בשעת החופה איז דאך "נקבה תסובב גבר" בפועל אין זמן הגלות כפול ומכופל:

לכאורה איז דאך דאס פון די ענינים וואס וועט נתגלה ווערן לע"ל ברוחניות; בגשמיות איז שוין דא אויף דערויף דער "אדרויף" מיט דער התחלה, אז "נקבה תסובב גבר" תחת החופה.

איז בשעת מ'קומט צוגיין צו א אידן און מ'זאגט אים, הער זיך איין: "הנה זה עומד אחר כתלינו", אט קומט משיח, און דו דארפסט זיין גרייט אז ביז איצטער איז געווען ארוסה און איצטער קומט צוגיין די נישואין, און ווער איז דיין "חתן" - דאס איז דער אויבערשטער, וואס "לי הזהב ולי הכסף", מיט די ענינים כפשוטם און מיט די ענינים כמדרשם -

וועט ער זאגן, אז פאר אים איז מספיק א "מרדעת של חמור", ווארום ער איז א מסתפק במועט, און א "שמח בחלקו", פאר אים איז מספיק די ח"י לבושים, ווי די משנה רעכנט אויס אין שבת (מיט דער ברייתא), פאר אים איז מספיק כל העניינים - נאך מרגליות יאגט ער זיך ניט!

וואס הייסט דו יאגסט זיך ניט? דו דארפסט גיין איצטער צו דער חופה מיטן אויבערשטן! וועסט זיך אנטאן אין א לבוש של עני, און דעמולט וועט זיין, ווי דער מדרש זאגט דעם משל, אז בשעת דער מלך ווייס אז זיין כלה געפינט זיך אין "בורסקי" - גייט ער אויך אין "בורסקי"!

- דאס אלץ איז אין זמן הגלות; דאלאי גלוה! אויס גלות! עס דארף זיין די גאולה האמיתית והשלימה! אז עס דארף זיין גאולה האמיתית והשלימה - איז וואס הייסט דו שלעפסט אהינצו ארייך די בגדים של הבורסקי מיטן ריח של זה וכו' וכו' ?!

עס דארף זיין די בגדים יפים, יפתי, וואס זיי מאכן שיין דעם אויבערשטן דורך די לבושים,

איי וואס דיר פעלט אין די מוחין ומדות וכו' וכו' - איז דאך ווי געדעדט אין דעם מאמר פון דעם אלטן רבי'ן, אז דאס איז דער כח אין לבושים, אז פריער איז די לבושים יפים, און דערנאך סוכ"ס פועל'ט מען אויף אז די מוחין ומדות ווערן אויך ברורים ווי זיי דארפן זיין.

וואס אט דעמולט דארף מען האבן, ס'איז ניט מספיק לבושים - עס דארף זיין מרגליות אויך ווארום דאס רעדט זיך איצטער, ניט וועגן א אידן

ווי ער געפינט זיך אין גלות - דאס רעדט זיך וועגן א אידן וואס ער דארף זיך שטעלן אונטער דער חופה מיט מלך מלכי המלכים הקב"ה, וואס אט דעמולט איז מוז ער האבן מרגליות, און די מרגליות דארף זיין בשופי גדול.

נאר וואס דען, מיט יארן צוריק איז נאך געווען יארן עד ביאת המשיח, איז ניט געווען דער הכרח אויף צו מאריך זיין אין דעם הכרח המרגליות, ס'איז גענוג געווען אז עס האט זעך גערעדט וועגן די גחלים,

אבער ווייטער זיין אין דער "בורסקי" אוןווארטן מיט די מרגליות - לא זה הזמן ולא זה המקום.

און אט דאס איז דער ביאור נוסף וואס ס'איז דא, אז אין עלמא דאתגליא איז דא דער ענין פון גחלים -

ס'איז דא נאך א טיפערעד ענין וואס חסידות גיט ארויס, וואס דאס איז ניט אן ענין וואס איז כדי צו מהפך זיין די מדותיו בלתי-טובים, אדער די מחשבה דיבור ומעשה, עס זאל זיין דער "עבדו" אין די ענינים פשוטים, נאר וואס דען, ע"ד ווי ער זאגט אין אגה"ק סימן כ"ו צום סוף,

(כאן נפסק ה"טייפ" לשני', וכנראה חסר כאן רק כמה תיבות-קישור) חזר'ן פון דעם רבי'ן מהר"ש: צי אז גוט איז גוט איז בעסער ניט בעסער? גוט איז גוט, און בעסער איז בעסער!

די עבודה "אשר עבדו" אין ענינים פון מחשבה דיבור ומעשה און באווארענען זיך פון מדות און מוחין - דאס איז אלץ "גוט", אבער דאס קומט נאך ניט צו "בעסער",

איז בשעת ס'איז געווען דער ענין וואס מ'האט דאך געדארפט האבן צוטאן מיט "רוח הטומאה", עס האט נאך געדארפט געווערן יארן - איז די גחלים געווען א הכרחי, און די אנדערע זאכן איז דאס געווען אן ענין וואס איז שייך צו די און די און די, אבער ניט צו יעדערן,

ס'איז אבער געקומען די צייט דער ענין פון מרגליות.

און דער ענין פון מרגליות איז, אט דאס וואס חסידות פועל'ט אויף, אז ניט נאר ער זאל ניט זיין שייך צו א דבר בלתי-רצוי, נאר עס פועל'ט ביי אים אויף דעם ענין פון "עלמא דאתכסיא", ביז וואנענט אז ער פילט אז כל מציאותו איז דאס דער ענין די מציאות האדון, ווי ער איז מבאר בארוכה אין דעם המשך פון רס"ו.

וואס אט דאס איז דאך, לכאורה, מערניט ווי אן ענין פון "יגדיל תורה ויאדיר" - מ'קען דאך דורכגיין די וועלט און לומד זיין תורה און מקיים זיין מצוות און זאל זיין אין אן אופן פון "עבדו", ער זאל האבן דעם שכר פון "מאה פעמים ואחת", אבער עס קען זיין א "יש מי שאוהב" -

זאגט מען, ניין! אז איצטער איז געקומען די צייט, אז עס דארף זיין ווי אין עלמא דאתכסיא - "דלאו ישו"!

און אט דאס איז דער ענין פון מרגליות, דאס איז ניט נוגע צו ענינים של פועל, דאס איז אבער נוגע אין דער עבודה פנימית ביותר, אז עס זאל זיין דער "בקשו פני", דורך וואס? - "את פניך הוי' אבקש", וואס אט דעמולט איז זיין פנימיות מיט די פנימיות שלמעלה ווערט דאס איין זאך.

וואס אט דאס איז דאך דער ווארט פון בעש"ט, וואס דער רבי האט אים כמ"פ גע'חזר'ט, אז די פשיטות פון אן איש פשוט איז דאס דערלאנגט אין די פשיטות העצמיות.

וואס אין עצמיות איז דאך ניט דער פשט, אז מ'דערלאנגט אהינצו און

ס'איז צווייַ זאכן; וויבאלד אז מ'דערלאנגט אהינצו - איז דאס אייַן זאך.

וואס אט דאס איז דער ענין פון מרגליות וואס זיי געפינען זיך אין ים, אין עלמא דאתכסיא, אז דאס איז מקום חיותם, און דערפון מאכט ער די קישוטין וואס אן דערויף איז אי-אפשר בשעת עס ענדיקט זיך דער זמן האירוסין, און מ'גייט צו דער תופה, דער זמן הנישואין.

וואס אט דאס איז דער כללות הענין, אז אויף יעדע עניניס מוז מען האבן דעם ענין אלייַן פארבינדן זיך          מיטן אויר, וואס דאס געפינט זיך ע"פ הים וע"פ האדמה,

וכאמור לעיל, אז דאס איז אין פועל ממש, אז ער אלייַן זאל לערנען די דברי אלקים חיים, און טאקע בכל יום ויום, ווי געזעדט פריער, אז אין חיים איז ניט שייך קיין הפסק, אז זונטיק וועט ער זייַן א חי און דינסטיג וועט ער אויך זייַן א חי, און מאנטיג וועט ער זיך "אפרוען" דערפון - דעמולט איז ניטא דער דינסטיג; עס מוז זייַן א המשך בלי הפסק,

וואס דערפאר דארף זייַן דער קישור מיט דברי אלקים חיים בכל יום ויום, וואס דערפאר מוז מען האבן דעם לימוד החסידות בכל יום ויום, אפי' אט די וואס זיי זייַנען מלא וגדוש, סיי אין נגלה סיי אין חסידות.

און דער לימוד איז אינו קרוי לימוד - סיידן אז דאס איז בהבנה והסברה, און אין אן אופן פון ידיעה, וואס לולי זאת איז דאך ידוע דער פסק דין, וואס ברענגט זיך אראפ אין שער אפרים:

ער פרעגט דארטן די קשיא, די גמרא זאגט אז מגילה איז דוחה ת"ת, פרעגט ער דארט די קשיא, אז מגילה אלייַן איז דאך תורה?! אז מ'לייענט די מגילה איז ער דאך קורא בתורה, אין איינעם פון די עשרים וארבעה תנ"ך, איז וואס הייסט ס'איז דוחה תורה - בשעת ס'איז דא די מקרא מגילה - לערנט ער תורה?!

און ער פארענטפערט אויף דערויף, אז וויבאלד אז ער איז בכח צו מתייגע זייַן אויף צו הארעווען אין אן ענין פון תושבע"פ, אין א גמרא אדער אין ראשונים אדער אין אחרונים, ובאופן כזה - איז אט דער אופן הלימוד ווי מקרא מגילה וואס מ'לייענט דאס אין אן אופן שטחי - ווערט דאס ניט אנגערופן "תלמוד תורה", אויף אזויפיל - אז דאס הייסט דוחה תורה, דוחה ת"ת.

ועד"ז איז אויך בכל אחד ואחד בעניניו, אפילו ווען ער לערנט חסידות אדער ווען ער לערנט נגלה, איז אויב ער לערנט דאס אין אן אופן פון מקרא מגילה - איז א מצוה איז ער מקיים, און א ברכה פון "נותן התורה" מאכט ער אויף דערויף, ווארום ער פארשטייט דאך די שטחיות הענינים, אבער דאס איז אן ענין וואס איז דוחה ת"ת.

און אט דעמולט, בשעת ס'איז דא דער פארבונד  מיטן אויר וואס איז דא ע"פ הים, און דער אויר וואס איז דא ע"פ האדמה - איז אט דעמולט איז ער ניט נופל ממדריגתו, נאר אדרבא - הולך מחיל אל חיל,

און ער פירט אוים דעם ענין אז ער נעמט ארויס די גחלים ע"פ האדמה, במילא ווערט ער נאכמער דערוואַרעמט און ביי אים ווערט נאכמער ליכטיקער, ביז אין אן אופן פון "אבוקה של אור",

און אזוי אויך בנוגע דערנאך אין דער עבודה פון מרגליות, קריגט ער ארויס די מרגליות          פון דעק פון ים און דאס ווערט ביי אים א תכשיט, און אט דעמולט איז ער גרייט און מוכן און מזומן אויף צו גייַן און עס זאל זייַן דער ענין פון "נישואין",

למטה מעשרה טפחים, הוא והקב"ה, וואס מ'פראוועט דעמולט די גרויסע חתונה מיט א שמחה גדולה ביותר, כמבואר בכ"מ בארוכה וואס דוקא דעמולט

איז דא די גילויים מלמעלה מעלה, ביז פון אן ארט וואס איז העכער פון גילויים.

און אזוי ווי מ'זאגט דאך אז . כל השמחות הויבן זיך אן דערפון אז עס דארף זיין פריער די ראי' אין שמחת ביה"ש, ווארום לולי זאת איז "לא ראה שמחה מימיו" -

איז אויך אויף דערויף דער כח געגעבן געווארן פון שמחת ביה"ש,

וואס דערפאר שטייט דאך אויך אין ספרים, אז סוכה איז דאס בדוגמת החופה, און ווי ער איז מבאר, אז דאס איז דער ענין פון "פרוס עלינו סוכת שלומך", ווי ער איז מבאר בקצרה אין לקו"ת,

וואס פון שמחת ביה"ש איז אט דא נעמט מען כח אז מ'זאל דורכטאן די כל העבודות, סיי בנוגע צו גהלים און סיי בנוגע צו מרגליות, און מ'זאל דאס טאן מתוך שמחה אמיתית, סיי בפנימיות און סיי בחיצוניות, סיי אין "פני", און סיי איך נגלה פון אדם,

וואס אט דעמולט איז דער "גליא וסתים" דישראל נעמט דעס גליא וסתים דאורייתא, און פארבינדט זיך מיט גליא וחתים דקוב"ה, ביז וואנענט אז דאס ווערט "כולא חד", "והיו לבשר אחד", וואס דאס איז דאך דער תכלית און דאס איז דאך דער ענין פון נישואין,

בקרוב ממש, בביאת משיח צדקנו. לחיים.

צוה לנגן ניגון "שאמיל" ("אפשר זאגן "שאמיל").

(אמר למישהו: הייסט זינגען לכבוד החתן! וחזר עוה"פ: דער רב הייסט זינגען לכבוד החתן, קלייב זיך אויס א ניגון, נו!

אח"כ אמר למישהו: דאכט זיך אז דארט איז ר' אליהו שארף! אח"כ שאל עוה"פ: הרב האלאנדער: דארט איז דא ר' אליהו שארף?... וויפל א שיעור זייך באהאלטן! (כנראה שהנ"ל אמר לחיים, ואמר אד"ש) א קליינער כוס און א קליינער ארט, בײדע זאכן...

בינתיים, כשהתחיל אד"ש לשאול הנ"ל, הפסיק הקהל לנגן ניגון שאמיל).

אח"כ ציוה לנגן "רחמנא |דעני כו'|".

* * *

י. מ'האט דאך פריער גערעדט, אז דאס וואס די רביים זיינען מסביר דעם ענין פון שמחת ביה"ש, וואס דאס הויבט זיך דאך אן במוצאי יו"ט - איז אויף דערויף דער ביאור, אז דאס איז נאך דערויף וואס ס'איז געווען דער "ולקחתם לכם ביום הראשון" דער "פרי עץ הדר" און "כפות תמרים" און "ענף עץ עבות וערבי נחל",

וואס ענינם איז דאך, אז זיי זיינען דאך כולל כל הסוגים שבבני ישראל, ווי ער איז מבאר אין מדרש און גמרא, אז דאס איז סיי פון די וואס "יש בהם טעם ויש בהם ריח", וואס דאס איז דער אתרוג - ביז דער סוג היותר תחתון, וואס דאס איז די "ערבה", "ערבי נחל" - "שאין בו לא טעם ולא ריח,

און אלע פיר צוזאמען איז דאס א מצוה אחת, וואס דערפאר מאכט מען דאך איין ברכה.

איז בשעת ס'איז דא דער "ולקחתם לכם" אינדערפרי, און דער אופן הלקיחה איז דאך, אז דאס דארף זיין הולכה והובאה, הולכה אל הלב, וואס דאס איז דאך דער ענין רומז אז "והשבות אל לבבך", אז אט די ענינים וואס מ'לערנט אפ פון די ד' מינים און פון דער מצוה, דארף דאס נמשך ווערן